גאווערנער KATHY HOCHUL

**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/30/2024

## סטעיטמענט פון גאווערנער KATHY HOCHUL

"טראץ די בעסטע באמיאונגען פון די סטעיט אָוו ניו דזשערסי – פרובירנדיג צו שטערן ניו יארק'ס מעגליכקייט צו רעדוצירן די אנגעלייגטקייט אויף אונזערע געסער בשעת'ן מאכן לאנג-נויטיגע אינוועסטירונגען אין אונזער פובליק טראנספארטאציע – האט אונזער זייט געוואונען אין געריכט אויף כמעט יעדע געביט. דאס איז א מאסיווע געווינס פאר רייזנדע סיי אין ניו יארק און סיי אין ניו דזשערסי. יעצט אז דער ריכטער האט ארויסגעגעבן זיין אורטייל, וועט דער פראגראם זיך פאראויס רוקן די סוף וואך מיט א 40 פראצענטיגע רעדוקציע פון די אריגינעל פארגעשלאגענע קאסט פון די טאל.

"עס קומט זיך פאר רייזנדע צו האבן אן ערשט-קלאסיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס איז זיכער, גלאט און מאדערן. עס קומט זיך פאר לאקאלע איינוואוינער צו האבן ריינע לופט און זיכערע געסער. עס קומט זיך פאר דרייווערס צו האבן ווייניגער אנגעלייגטקייט און רעדוצירטע טראפיק. דאס איז וואס מיר וועלן אנהויבן צו ערגרייכן – פאר א נידעריגערע קאסט פאר דרייווערס – ווען די טראפיק טאלס וועלן זיך אנהויבן אום יאנואר 5."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן